בעזהשי"ת

# קונְטְרֵס

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

**וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וְוִי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.**

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

## פַּרְשַׁת קֹרַח תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## באראפארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

### א.

אִין פַּרְשַׁת קֹרַח רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם בְּאַרִיכוּת דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן וָואס עֶס אִיז דִי סוֹף פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת; אוּן לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם וָואס רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר ט״ז א׳): ״פַּרְשָׁה זוּ יָפָה נִדְרֶשֶׁת״ וְכוּ׳, אַז דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ״יָפָה נִדְרֶשֶׁת״, וֶוערְט גוּט גֶע׳דַרְשֶׁ׳נְט אוּן אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אִין יֶעדֶע דוֹר. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר כ״ו יא׳): ״וּבְנֵי קֹרַח לֹא

מֶתוּ״, דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן. טַייטְשְׁן צַדִיקִים אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא ׳בְּנֵי קֹרַח׳ וָואס מַאכְן אָן מַחְלוֹקֶת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ; עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אוּן אֵיינֶער אִיז אִים בַּאפַאלְן אוּן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אוּן אִים גֶעוואוּנְקֶען עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער יֶענֶער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים מְבַזֶה צוּ זַיין, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ; ״אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ מִיר״? עֶנְטְפֶערְט עֶר; ״נֵיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן״, אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן. אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֵייגֶערִיגֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן יֶעדֶע רִיר בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט; רֶבִּי וֶוער אִיז דָאס גֶעוֶוען? עֶנְטְפֶערְט אִים

זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוּץ פוּן קֹרַח, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ נִיצוּץ פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פד): **״אִין יֶעדְן בַּעַל מַחְלוֹקֶת אִיז דָא אַ נִיצוּץ פוּן [קֹרַח] דָתָן וַאֲבִירָם״**. אוּן דָאס זֶעהְט מֶען אַז בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת אִיז אַלְץ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּן מוּזְן זִיךְ קְרִיגְן.

## ב.

רַשִׁ״י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שָׁם ט״ז א): **׳וַיִּקַּח קֹרַח׳**; קֹרַח הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם גַאנְצֶען צִיבּוּר אוֹיף אַן עֶקְסְטֶערֶע זַייט. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער פְּגַם, וַוייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, עֶר זָאל זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין מִיט כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַלֶע מִצְווֹת אוּן תְּפִילוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט זָאל גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט הִתְקַשְּׁרוּת אִין

צוּגֶעבִּינְדֶענְקַייט צוּ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל אֶפְשָׁר דוּרְךְ זְכוּת הָרַבִּים וֶועט עֶר אוֹיכֶעט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

מֶען פַארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זי״ע דֶער בַּעַל אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל בַּארִימְט; דָאס וָואס מַיין סֵפֶר הֵייסְט 'אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל' אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ אַלֶע אִידְן אַז אֲפִילוּ פוּן דִי שְׂכַר פוּן מַיינֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּה צֶעטֵייל אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע אִידְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג מְחוּבָּר מִיט נָאךְ אִידְן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב סִימָן א'): ״יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן עֶר זָאל זַיין אַזוֹי גְרוֹיס עֶר זָאל גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף מַלְאָכִים״. וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי מַלְאָכִים, דֶער יֵצֶר טוֹב אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א סִימָן ע״ב): דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז אַ מַלְאָךְ אוּן מֶען דַארְף אִים קֶענֶען בֵּייקוּמֶען. אוּן וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר אָנְגֶערוּפְן 'יֵצֶר הָרַע' וַוייל עֶר בַּאשַׁאפְט אִין מֶענְטְשׁ דֶעם 'רַע' עֶר זָאל זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, דָאס

מֵיינְט 'יֵצֶ"ר הָרַ"ע' עֶר אִיז מְיַיצֵר דֶעם רַע, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מ"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט): [פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֶערְוֶועזֶער אוּן גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁלָאגְן זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער מַכּוֹת רֶצַח וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִין כַּעַס]; פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז); 'וַיְהִי עֵר רַע בְּעֵינֵי הַוַיָ'ה', עֵר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס אוֹיגְן. וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְּרִית אוּן מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין; 'וַיְהִי עֵר 'רָשָׁע' בְּעֵינֵי הַוַיָ'ה'? נָאר אַז אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם חֵטְא אִיז עֶר אַ אִישׁ רַע, אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ אוּן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט. עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ תַּעֲנוּג צוּ טוּעֶן יֶענֶעם שְׁלֶעכְטְס, אָדֶער אִין שְׁטוּב צוּ פַּיינִיגְן דִי וַוייבּ, אוּן טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָן פָּשׁוּט אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט אוּן סֶעקִירְט זַיין וַוייבּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. דָאס אִיז 'יֵצֶר הָרַע', וַוייל מֶען בַּאשַׁאפְט דָאס שְׁלֶעכְט דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוּן דָאס דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּן נָאר

טוּהְן טוֹבוֹת אוּן הֶעלְפְּן אַ צְוֵוייטְן. ווִידֶערְאוּם אִיז דָא דֶער ׳יֵצֶר טוֹב׳ וָואס אִיז אוֹיךְ אַ מַלְאָךְ אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ מֶמְשָׁלָה! וַוייל עֶר וִויל אַיינְרֶעדְן דִי מֶענְטְשׁ; דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ גוּט, דוּ דַאוֶוענְסְט גוּט, דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שְׂכַר, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מֶמְשָׁלָה אוֹיף אִים, אוּן זָאגְן; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שְׂכַר, אִיךְ טוּה דָאס נָאר פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן אוֹיבּ עֶס קוּמְט מִיר שְׂכַר, אִיז דָא אַזוֹיפִיל אִידְן לֵיידֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה, גֶעבּ אִיךְ זֵיי אַוֶועק מַיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא אוֹיכֶעט, זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן שְׂכַר אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ אַלֶע צוּטֵיילְן.

זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א); אַז אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מֶמְשָׁלָה אִיבֶּער דִי מַלְאָכִים, ווִילְן זֵיי אִים אַרָאפְּוַוארְפְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן קִנְאָה, אוּן דִי עֵצָה אִיז, דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; (שַׁבָּת פ״ח:); ׳אֶחוֹז בְּכִסֵא כְּבוֹדִי׳ כַאפְּט דִיךְ אָן אִין כִּסֵא הַכָּבוֹד. וַוייל פוּן אוּנְטֶערְן כִּסֵא הַכָּבוֹד קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע יוּדִישֶׁע

נְשָׁמוֹת, אוּן אוֹיבּ אַ אִיד הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט נִשְׁמַת יִשְׂרָאֵל קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן! ווייל דֶער עִיקָר וָואס וַוארְפְּט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן 'קִנְאָה', אוּן דָאס עֶסְט אִים אוֹיף, אוּן אוֹיבּ מֶען רַייסְט דָאס נִישְׁט אוֹיס אִין דִי יוּגְנְט, אִיז נָאכְדֶעם מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"ב ע"ב); **'כָּל מִי שֶׁיֵשׁ לוֹ קִנְאָה בְּלִבּוֹ עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין'**, וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט. אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף נָאכְ'ן טוֹיט, נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, עֶסְט אִים דִי קִנְאָה אוֹיף, אוּן זַיינֶע בֵּיינֶער וֶוערְן פַארְפוֹילְט. אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בַּיי קֹרַח אַז דִי קִנְאָה הָאט אִים אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן דִי נְשִׂיאוֹת, פַארְן זוּהְן פוּן דֶעם פֶערְטֶען קִינְד פוּן קְהָת, אוּן נִישְׁט פַאר אִים וָואס אִיז אַ זוּהְן פוּן דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד, (תַּנְחוּמָא קֹרַח א): אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהַארְבֶּעט אַזַא מִין מַחְלוֹקֶת בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן דִי עֶרְד הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז וִוי עֶס אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אִיז דָאס פוּן קִנְאָה, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס שְׁטֶערְט אִים קֵיינֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען פוּן אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ה׳); דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קוּמְט גֶענוּג אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ חֵלֶק אִין בַּאשֶׁעפֶער. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק י׳, מִשְׁנָה א׳); ׳כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא׳ יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה, וָואלְט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן. חַזַ"ל זָאגְן: (חוּלִין ז:); ׳בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשׁוּבוּךָ׳, ׳אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ׳, אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר זַיין חַבֶר. אוּן קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז דָא אַ הֲלָכָה בַּיי אַ סֵפֶר תּוֹרָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רעד, סְעִיף ד); אַז יֶעדֶער אוֹת דַארְף זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פַּארְמֶעט אוּן עֶס טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ יָא אִיז דָאס שׁוֹין פָּסוּל. זָאגְט רֶבִּי נָתָן זַ"ל (עַיֵין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נִזְקֵי

שְׁכֵנִים הַלָכָה ב): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיב אֵיין אִיד רִירְט אָן דֶעם צְוֵוייטְן אִיד, אִיז עֶר שׁוֹין פָּסוּל. אָבֶּער אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיב אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאם מִיט אִידְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף זֵיי. אַוַודַאי אוּן אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט מוֹדֶה זַיין צוּ מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה, אוּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן (וַיִקְרָא יט, י״ז): ׳הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ עֲמִיתֶךָ׳, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עִקְרֵי הַתּוֹרָה דַארְף מֶען זָאגְן, אָבֶּער דָאךְ קֶען מֶען גְלַייךְ זֶעהְן, אוֹיב אֵיינֶער מֵיינְט דָאס לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן זַיין תּוֹכָחָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָדֶער עֶר מֵיינְט דָאס סְתַּם צוּ סִיקִירְן וֶועגְן קִנְאָה. צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי״ע, בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל, וָואס כָאטְשׁ עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין מִתְנַגְדִים, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין נְקוּדָה, אוּן וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְטְן אַלֶע גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אָבֶּער בִּכְלָלִיוּת דַארְפְן זִיךְ אִידְן הַאלְטְן

צוּזַאמֶען און מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן רַחֲמִים רַבִּים, אַז אַלֶע גְזֵירוֹת זָאלְן בָּטֵל וֶוערְן פוּן אִידְן.

## ג.

וַוייטֶער זָאגְט רַשִׁ״י (בַּמִדְבָּר ט״ז ז): ׳וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה׳ קֹרַח וָואס אִיז יָא קְלוּג גֶעוֶוען, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּהן אַזַא נַארִישְׁקֵייט און נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט? נָאר ׳עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ׳ זַיין אוֹיג הָאט אִים פַארְנַארְט. (בַּמִדְבָּר רַבָּה יח ח). פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע, (יִשְׂמַח מֹשֶׁה פַּרְשַׁת קֹרַח, בד״ה בַּמֶדְרָשׁ): פַארְוָואס כַאפְּט עֶר אָן דֶעם לָשׁוֹן ׳עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ׳ אֵיין אוֹיג הָאט אִים פַארְנַארְט, עֶר אִיז דֶען גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף אֵיין אוֹיג? נָאר אִיז עֶר דָאס מַסְבִּיר, מִיט דִי הַקְדָמָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זי״ע זָאגְט: אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן סֵיי ׳גַדְלוּת הַבּוֹרֵא׳ און סֵיי ׳שִׁפְלוּת עַצְמוֹ׳. און אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ס״ז); וֶוען אַ אִיד וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק, עֶפְנְט אִים דֶער צַדִיק אוֹיף דִי אוֹיגְן, עֶר זָאל

זֶעהְן ׳גְדוּלַת הַבּוֹרֵא׳ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, און רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶּער ׳וְהָעִיקָר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ׳, עֶר זָאל אָנְפַאנְגֶען צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ. וַוייל דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, וַוייל וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף גְדוּלַת הַבּוֹרֵא זֶעהְט עֶר מֶער שִׁפְלוּת עַצְמוֹ, אַז עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט און עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח, עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶעהְן גְדוּלַת הַבּוֹרֵא, [אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט (קֹרַח טז, ג): **׳כִּי כָל הָעֵדָה כּוּלָם קְדוֹשִׁים וּבְתוֹכָם הַוַיָ״ה׳** אַז יֶעדֶער אִיד אִיז הֵיילִיג, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אִין יֶעדְן אֵיינֶעם.] אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן קַיין ׳שִׁפְלוּת עַצְמוֹ׳, [וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און גֶעזָאגְט (שָׁם): **״מַדוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל הַוַיָ״ה״** פַארְוָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אִידְן. בִּשְׁעַת דִי תּוֹרָה זָאגְט עֵדוּת, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער

עָנָיו פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט,] וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט 'עֵינוֹ הִטְעַתוֹ' אֵיין אוֹיג הָאט אִים פַארְבְּלֶענְדֶעט.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ז סִימָן ו') אוֹיף דִי מְרַגְלִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מד י"ח): 'לֹא יָדְעוּ וְלֹא יָבִינוּ כִּי טָח מֵרְאוֹת עֵינֵיהֶם' זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אִין פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, וַוייל זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אִיז פַארְשְׁטָאפְּט פוּן צוּ זֶעהְן. הָאט מַיין טַאטֶע [הגה"ק גַאֲבַ"ד טָאקַיי] זי"ע אַמָאל צוּגֶעלֵייגְט, (בְּסִפְרוֹ מִנְחַת זְאֵב פַּרְשַׁת שְׁלַח): פַארְוָואס דָא שְׁטֵייט יָא דֶעם לָשׁוֹן אַז בֵּיידֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁטָאפְּט? נָאר זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען כּוֹפְרִים אוֹיךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר יג ל"א): 'כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנוּ' אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא אִיז מְבַאֵר, (עֵרְכִין טו.) אַז אֲפִילוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְטְרָאגְן זַיינֶע כֵּלִים. דָאס הֵייסְט אַז חָלִילָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי כְּנַעֲנִים. קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם 'גַדְלוּת הַבּוֹרֵא', וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (שְׁלַח קנח.): פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז דָארְטְן וֶועלְן זֵיי

נִישְׁט קֶענֶען זַיין קַיין מַנְהִיגִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין מַנְהִיגִים, הָאבְּן זֵיי קַיין 'שִׁפְלוּת עַצְמוֹ' אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגְן.

דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג טז): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דִי עֲנִיווּת פוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט עֶר אִים אָנְגֶעווּאוּנְטְשְׁן 'יָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים' עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְּלִים. פְּרֶעגְט יֶעדֶער אֵיינֶער, וָואס הָאט דָאס שַׁיְיכוּת, אַז וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן זַיין עֲנִיווּת הָאט עֶר אִים גֶעווּאוּנְטְשְׁן עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְּלִים? נָאר מִיר גֶעפוּנֶען (בַּמִּדְבָּר יא כח, וּבְרַשִׁ"י שָׁם): וֶוען אֶלְדָד וּמֵידָד הָאבְּן נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט; 'מֹשֶׁה מֵת וִיהוֹשֻׁעַ מַכְנִיס' מֹשֶׁה גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן יְהוֹשֻׁעַ גֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיז יְהוֹשֻׁעַ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; 'אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם'. הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע זַיין רֶבִּי'ס. קוּמְט אוֹיס אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז יְהוֹשֻׁעַ וִויל נִישְׁט זַיין קַיין מַנְהִיג, נָאר עֶר וִויל אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל

בְּלַייבְּן דֶער רֶבִּי, הָאט יֶעצְט משֶׁה רַבֵּינוּ מוֹרָא גֶעהַאט, אַז וֶוען דִי מְרַגְלִים וֶועלְן קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי הָאבְּן דָאךְ יָא גֶעוָואלְט הַנְהָגָה, וֶועלְן זֵיי דָאךְ זָאגְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועט עֶר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן צוּ זֵיי, אוּן אוֹיכֶעט רֶעדְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כָאטְשׁ זַיין כַּוָונָה אִיז וֶועגְן עֲנִיווּת, 'עֶר וִויל נִישְׁט אַז משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל שְׁטַארְבְּן'. וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי מְרַגְלִים, וַוייל עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּעֶן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען רְשָׁעִים, אוּן מֶען טָאר מִיט זֵיי נִישְׁט מוּטְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז וָואס מֶער עֶר קוּקְט אוֹיף גַדְלוּת הַבּוֹרֵא, וֶוערְט עֶר גֶעוָואר אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דָאךְ גָארְנִישְׁט טוּהְן. וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכ"ה); שְׁטֵייט אַ פָּסוּק: (דִבְרֵי הַיָמִים ב י"ז): '**וַיִגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'**', אַז 'בְּדַרְכֵי ה'' וֶוען מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער

אִיד, מֶעג מֶען זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס. אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו׳); אַז מֶען דַארְף הָאבְּן צְוֵויי בְּקִיאוֹת ׳בָּקִי בְּרָצוֹא בָּקִי בְּשׁוֹב׳. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וָואס דָאס אִיז ׳בָּקִי בְּרָצוֹא׳, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, קֶען עֶר דָאךְ אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן, דַארְף עֶר הָאבְּן בְּקִיאוֹת אַז עֶר אִיז יָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וָואס דָאס אִיז ׳בָּקִי בְּשׁוֹב׳.

חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה ל:): אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רוּפְט דִיר אָן צַדִיק, זָאלְסְטוּ זַיין אִין דַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹיוִוי אַ רָשָׁע. זָאגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר הֲלָכָה א); דִי לָשׁוֹן אִיז ׳כְּרָשָׁע׳ אַזוֹי וִוי אַ רָשָׁע, אָבֶּער נִישְׁט מַמָשׁ אַ רָשָׁע, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט.

## ד.

מִיר גֶעפוּנֶען וַוייטֶער (בַּמִדְבָּר טז י"ב): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּרוּבִּירְן שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דָתָן וְאַבִירָם,

אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי צוּרִיק קוּמֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: ׳לֹא נַעֲלֶה׳, מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין. זָאגְט רַשִׁ״י; ׳פִּיהֶם הִכְשִׁילָם׳ זֵייעֶר מוֹיל הָאט זֵיי גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט, ׳אֵין לָהֶם אֶלָּא יְרִידָה׳ זֵיי וֶועלְן טַאקֶע נָאר אַרָאפְּגֵיין. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן דִיבּוּר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קי״ג); דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ג): ׳**וְנִפְרָעִים מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ**׳ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאשְׁטְרָאפְט מִיט זַיין וִויסְן אוּן אָן זַיין וִויסְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶס אִיז דָאךְ אַ סְתִּירָה, אָדֶער אִיז עֶס ׳מִדַּעְתּוֹ׳ אָדֶער שֶׁלֹּא ׳מִדַּעְתּוֹ׳?! בְּרֶענְגְט עֶר אַן הַקְדָמָה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע; אַז אֵיידֶער מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין דֶעם פְּסַק, אָבֶער אַז מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן, הָאסְט גֶעטוּעֶן דָאס אוּן דָאס, וָואס קוּמְט דִיר? וֶועט עֶר טוּעֶן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זִיךְ צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן, אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט! עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג! וַוייל (סַנְהֶדְרִין ט:): ׳**אָדָם קָרוֹב אֵצֶל עַצְמוֹ**׳ אוּן עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָואס טוּט מֶען? מֶען פְרֶעגְט אִים דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט

גֶעטוּעֶן, אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם, אַז דֶער אוּן דֶער הָאט גֶעטוּעֶן דָאס אוּן דָאס?! אוּן דֶעמָאלְטְס פַארְרֶעדְט עֶר זִיךְ נֶעבֶעךְ, אוּן עֶר זָאגְט אַז דֶעם דַארְף מֶען הֶענְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דָאס אִיז דֶער פְּשַט אִין דִי מִשְׁנָה: 'וְנִפְרָעִים מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ' דָאס הֵייסְט 'עֶר וֵוייסְט', אָבֶער דָאךְ 'וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ' עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיין פַארְאוּרְטֵיילְט. דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר טז י״ד): 'הַעֵינֵי אֲנָשִׁים הָהֵם תְּנַקֵּר' אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט אוֹיסְשְׁטֶעכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, וַוייל אַ צַדִּיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, אַז מֶען זָאל קוּקְן גַדְלוּת הַבּוֹרֵא אוּן שִׁפְלוּת עַצְמוֹ (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב סִימָן ס״ז) אוּן זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ דוּ ווִילְסְט אוֹיסְשְׁטֶעכְן בֵּיידֶע אוֹיגְן: 'לֹא נַעֲלֶה' וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין.

## ה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת הֶכְשֵׁר כֵּלִים ד׳, אוֹת מ״ט.): פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

גֶעבֶּעטְן דַוְוקָא עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דִי עֶרְד?! נָאר עֶס אִיז דָא 'שָׁמַיִם' אוּן 'אֶרֶץ', אֶרֶץ אִיז דִי גַשְׁמִיוּת אוּן שָׁמַיִם אִיז רוּחְנִיוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶס קֶען גֵיין צוּזַאמֶען, 'שָׁמַיִם וָאָרֶץ', אַז מֶען קֶען זַיין אִין הִימְל אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּגַם. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער פְּגַם וֶוען קֹרַח הָאט אָנְגֶעטוּעֶן יֶעדְן מִיט אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצֶען תְּכֵלֶת, אוּן גֶעפְרֶעגְט צוּ דָאס אִיז מְחִיוּב מִיט צִיצִית? אָדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דִי דִין מִיט אַ הוֹיז פוּל מִיט סְפָרִים, צוּ אִיז דָאס מְחוּיָב מִיט מְזוּזָה? וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט שְׁלֵימוּת! וָואס בֶּאֱמֶת אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן קַיין שָׁלֵם.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יא, סִימָן ו): אַ מִין הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ תַּנָא, אוֹיבּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל מִצְוֹות מִילָה, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל גֶעבָּארְן וֶוערְן גֶע'מַלֶ'עט?! הָאט דֶער תַּנָא גֶעזָאגְט נֵיין! אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבָּארְן מִיט אַ חִסָרוֹן, אַזוֹי וִוי 'תּוּרְמוּסִים' אַ הַארְטֶע בָּאנְדֶעל, וָואס מֶען

דַארְף קָאכְן אַסַאךְ בִּיז עֶס קָאכְט זִיךְ אָפּ, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ עָרְלָה, וָואס אִיז אַ חִסָרוֹן, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען דָאס אַרָאפּ פוּן אִים. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ חִסָרוֹן נָאר מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם דָאס אַרָאפּ צוּנֶעמֶען, אֵיינֶעם גֵייט דָאס גְלַייךְ, אֵיינֶעם גֵייט דָאס שְׁוֶוערֶער, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר הַאלְט בַּיים שְׁלֵימוּת.

אוּן דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרָאפּ, אָדֶער עֶר וֶוערְט מְשׁוּגֶע, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: 'אַז מְשׁוּגֶע וֶוערְט מֶען נָאר פוּן גֵיאוּת'. דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ וִויל נָאר אַ גַאנְצֶע אוּן פֶּערְפֶעקְ״ט זַאךְ, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצֶען צוּבְּרָאכְן!. אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מַלְאָכִים הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶענוּג אוֹיבְן, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שוּם חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל הָאבְּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, וָואס אַלֶעס זֶעהְט אוֹיס גַשְׁמִיוֹת, אָבֶּער דָאךְ וֵוייסְט עֶר אַז

זַיין גַשְׁמִיוֹת אִיז רוּחְנִיוּת. אוּן דָאס אִיז גָאר דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ אוֹיכֶעט, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּיי זִיךְ אִין לֶעבְּן.

דָאס הָאט קֹרַח נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קו ט״ז); ׳וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה בַּמַחְנֶה וְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה׳׳, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, אַז פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף אִים (דְבָרִים לג א): ׳אִישׁ הָאֱלֹקִים׳, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר ׳בַּמַחְנֶה׳ צְווִישְׁן אַלֶעמֶען׳, וַוייל אַז דוּ בִּיזְט דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער וְויאַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דִיר מִיט דִין תּוֹרָה׳ס, אַז דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ אַמְפֶּער! דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ זָאטְל פוּן אַ אֵייזְל! דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ לֵייטֶער! וְויאַזוֹי גֵייט דָאס צוּזַאמֶען? דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי אַהֲרֹן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען עוֹסֵק זַיין אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיטְן מַאן אוּן מִיטְן פְרוֹי, אוּן זִיךְ

אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי נָאכְדֶעם ׳קְדוֹשׁ ה׳, גֵייסְטוּ אַרַיין לִפְנֵי וְלִפְנִים, אִין קָדְשֵׁי קֳדָשִׁים?! דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען. דָאס זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה; (קעו עָמוּד א): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַאכְן פוּן רֶעכְטְס לִינְקְס אוּן פוּן לִינְקְס רֶעכְטְס. אָבֶער קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, נָאר אָדֶער יְמִין, אָדֶער שְׂמֹאל, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פְּגַם.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שָׁם): וֶועגְן דֶעם הָאט זֵיי דִי עֶרְד אוֹיפְגֶעגֶעסְן אוּן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען, צוּ וַוייזְן אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאוִויזְן אַ וֶועג אַז מֶען קֶען יָא זַיין מִיט אַרְצִיוֹת, אוּן דָאס אִיז גָארְנִישְׁט סוֹתֵר פוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרְבֶּעטְן-אוּן קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, פַארְקֶערְט דֶער גְרֶעסְטֶער חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ס״ח); אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר אִיז אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, עֶר קֶען בֵּיידֶע, אוּן דָאס אִיז

טַאקֶע די שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, דֶערְפַאר נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען הָאבְּן צוּ טוּעֶן מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה א, סִימָן ט״ו): עֶס אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת, שַׁמַאי זָאגְט 'הַשָּׁמַיִם נִבְרְאוּ תְּחִלָּה' די הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן קוֹדֶם. אוּן הִלֵל זָאגְט 'הָאָרֶץ נִבְרְאוּ תְּחִלָּה' די עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן. דָאס הֵייסְט שַׁמַאי אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ'ן חוֹמֶר הַדִין, עֶס אִיז נָאר דָא רוּחְנִיוּת וָואס דָאס אִיז הִימֶעל, הִלֵל וִוידֶערְאוּם אִיז גֶעגַאנְגֶען בְּאַרְצִיוֹת נָאר לְקוּלָא, אִיז גֶעקוּמֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס קְרִיגְן זֵיי זִיךְ שַׁמַאי אוּן הִלֵל?! די וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אַ דֶעקְל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: (בְּרֵאשִׁית א א): 'בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלוֹקִים אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ' בֵּיידֶע צוּזַאמֶען די הִימְל מִיט די עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם. וָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען דָא מְחַדֵשׁ זַיין?! נָאר דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער לִימוּד פוּן קַבָּלָה, אוּן פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַז מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, עֶס זָאל גֵיין צוּזַאמֶען בֵּיידֶע, אוּן וֶועגְן

דֶעם זֶענֶען מִיר אִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ אִיז דָא הֲלָכוֹת, מֶען הָאט אַ גוּף, דַארְף מֶען דָאס אָנְטוּעֶן מִיט צִיצִית אוּן תְּפִילִין, מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אַז מֶען הָאט אַ הוֹיז, הָאט מֶען אַ מְזוּזָה אוּן אַ מַעֲקֶה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס אִיז גֶעבִּינְדֶען אִינְאֵיינֶעם.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:)**; גְּדוֹלָה שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ.** מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נָאכְמֶער ווִי מֶען לֶערְנְט. פַארְוָואס? וַוייל גֶעווֶענְלִיךְ ווֶען זֶעהְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן? אִין שׁוּל! אָבֶער אַז עֶר רֶעדְט מִיט דִי רֶעבֶּעצִין, אָדֶער עֶר דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכוּ', דָאס זֶעהְט מֶען נִישְׁט, דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל 'גְּדוֹלָה שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּימוּדָהּ', וַוייל דַוְקָא בַּיי גַשְׁמִיוֹת, קֶען מֶען נָאכְמֶער זֶעהן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רֶבִּי'ן, וְויאַזוֹי עֶר פִּירְט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, וְויאַזוֹי עֶר פִּירְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן וְויאַזוֹי דֶער צַדִּיק קֶען זִיךְ בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן ווֶען עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, וְויאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן בַּאצָאלְט, אוּן עֶר ווֶעט נִישְׁט

בַּא׳גַנְבֶ׳עֶנעֶן אַ מֶענְטְשׁ. וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס לֶערְנְט אִין דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אָדֶער פוּן רֶבִּי נָתָן זַ״ל, בִּפְרַט דִי בְּרִיוֶועֶן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין סֵפֶר עַלִים לִתְרוּפָה, און זֶעהְט זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכֶען לֶעבְּן, קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וְוִיאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען זָאגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל; אַז עֶר מוּז נָאךְ מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים מְגַלֶה זַיין וֶוער דֶער תַּלְמוּד חָכָם אִיז, הָאט מֶען אִים מְגַלֶה גֶעוֶועזְן, אַז אִין בְּרָאד אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי אֶפְרָיִם׳ל פוּן בְּרָאד [עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן חַכַם צְבִי, און עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוֶועזְן] אוֹיךְ הָרַב הַקָדוֹשׁ בַּעַל תְּבוּאוֹת שׁוֹר, און דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין. [אֵיין נוּסַח אִיז אַז נָאר דֶעם רֶבִּי אֶפְרָיִם׳ל זצוק״ל דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין], פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, און דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם אִיז גֶעוֶועזְן אַ

אוֹיסְגֶעדַארְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּלוּט אִין זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג קַאלְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ אִין חוֹדֶשׁ תַּמּוּז וָואס אִיז זֵייעֶר הֵייס, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט אַ פֶּעלְץ, אוּן מִיט אַ דָאכֶענֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, קוּמְט אַריין צוּ אִים, פְּרֶעגְט עֶר דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, וָואס וִויל אַ אִיד? [וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ,] עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; אִיךְ וִויל מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם! זָאגְט עֶר אִים דֶעמָאלְטְס הֵייץ מִיר אָן דֶעם אוֹיוְון, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט הָאלְץ אוּן אָנְגֶעהֵייצְט, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן שְׁטַארְק הֵייס, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם פֶּעלְץ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁוֶועֶרע רֶעבֶּעצִין, אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעזֶעהְן דֶעם שְׁטַארְקְן הִיץ, הָאט זִי זִיךְ

גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, וֶוער אִיז דָא גֶעוֶוען און אָנְגֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיְוֶון?! עֶס קָאסְט דָאךְ מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, און אוֹיף וִוינְטֶער דַארְף מֶען דָאס הָאבְּן, וַוייל אוֹיף זוּמֶער אִיז גֶענוּג דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיטְן טִילוּפּ מִיטְ׳ן דָאכֶענֶע, וַוייל וִוינְטֶער אֲפִילוּ מִיטְ׳ן דָאכֶענֶע וֶועט נָאךְ אוֹיכֶעט קַאלְט זַיין. און זִי נֶעמְט אוֹיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, און דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי אֶפְרָיִם צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; ״הָאט נִישְׁט קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת״, און זָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין הִימְל, און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, אַז מֶען וִויל דַן זַיין אֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ׳, און יֶענֶער הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערְן בְּנֵי בַּיִת, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע זְכוּתִים פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אִין שְׁטוּבּ און גֶעהַאט גֶעדוּלְד, כָּאטְשִׁיג זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט און גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, און דָאס אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען, אַז מֶען הָאט אִים גֶעפַּסְקֶ׳נְט, אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן אַ מַלְאָךְ און שְׁרֵייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד זְכוּת? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דֶעם אִיד, און גֶעזָאגְט, אַז דִי אַלֶע לִימוּד זְכוּתִים זֶענֶען

גֶערֶעכְט, זָאל נָאר דֶער מַלְאָךְ אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטֶן, אוּן הָאבְּן אַ וַוייבּ, אוּן לָאמִיר זֶעהְן דֶעמָאלְטְס וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן! אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין אַ גוּף, אָבֶּער עֶר אִיז נָאכְדֶעם גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן, [יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט גָארְנִישְׁט, וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר אִיז] אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט גֶטְ'ן ווִילְסְטוּ זִיךְ?! זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין אֵיין שְׁוֶוער שְׁטוּבּ. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים וְכוּ', דֶעם סִיפּוּר הָאט דֶעמָאלְטְס רֶבִּי אֶפְרָיִם דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, אוּן אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיי גַשְׁמִיוֹת אוֹיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיכֶעט זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

**הספר הקדוש הזה**
**נדפס לזכות**

**יואל בן ריצא רעכיל נ"י**
**וזוגתו**
**אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'**

**וילדיהם**
**שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלום




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250